Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT　　　פרייז 15 גראשען　　　היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 143 | Łódź, Poniedziałek, 20 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ט״ז סיון תרצ״ב | № 143

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין בריסק

## זענען פארגעקומען דעם היינטיגען שבת

בריסק, 19. (טעלעפאניש).
שבת נאכמיטאג זענען אין די גאסען פון בריסק פארגעקומען בלוטיגע אנטיסעמיטישע עקסצעסען.
צוליב א ספארט־יום־טוב פון דער בריסקער יודישער שול־יוגענד זענען געווען פערזאמעלט ביים טייך מוכאוויעץ א סך יודען.
כוליגאנעס זענען בעפאלען די יודען און גע־שלאגען מכות רצח, יודישע פרויען און קינדער.
אונטער הורא־אויסגעשרייען האבען זיך די כוליגאנעס אוועקגעלאזט איבער די גאסען פון י. ל. פרץ און מארשאל פילסודסקי, אויסגעהאקט די שויבען אין יודישע היידער און געוועלבער און גע שלאגען די אלע בעגעגענטע יודען.
אויך אין דעם וואלנאשטשי־פארק האבען זיי געשלאגען די שפאצירענדע יודען.
די בלוטיגע אנפאלען האבען געדויערט ביז שפעט אין דער נאכט.
עס זענען דא א סך פערוואונדעטע יודען.

### דער צאל איז אלע לענדער זאל ביליגער ווערען

לאזאן, 19. (ספ. טעל.)
די נאהענטסטע זיצונג אין לאזאן וועט זיין געווידמעט דער פראגע פון ביליגער מאכען דעם צאל אין אלע לענדער.

## געמיינזאמער פראנט

### צווישען סאציאליסטען און קאמוניסטען אין דייטשלאנד — כמעט א געשעהענער פאקט

בערלין, 19. (ספ. טעל.)
דער סאציאל־דעמאקראטישער „פארווערטס" דרוקט דעם בריף, אין וועלכען די קאמוניסטען ווענ־דען זיך צו די סאציאל־דעמאקראטען וועגען אן „איינהייטליכען פראנט אין קאמף געגען דער פינסטע־רער רעאקציע.
דעם ענטפער די קאמוניסטען האט געגעבען די ארגאניזאציע „אייזערנער פראנט", וואס איז א פעראייניגונג פון סאציאל־דעמאקראטען מיט פער־שידענע ארבייטער־גרופירונגען.
דער ענטפע ראיז א פאזיטיווער און מ׳גיט צו א גרויסע בעדייט דעם דאזיגען ענין, וועלכען מען האלט פאר א געשעהענעם פאקט.

## פערמשפט אויף 3 יאהר טורמע

### איז דער געוועזענער דעפוטאט פאליעוו

לעמבערג, 19. (טעלעפאניש).
דער פראצעס פון דעם געוו. „אונדא"־דעפו־טאט, און געוועז. „בריסקער" דימיטרי פאליעוו, וועלכער האט געדויערט 6 טאג האט זיך נעכטען פערענדיגט.
די געשוואוירענע ריכטער האבען אפגעווארפען די בעשולדיגונג אז פאליעוו איז שולד אין מלוכה־פעררא͏ט, און בעשטעטיגט אז ער איז שולדיג אין שטער׳ען די עפענטליכע רוה.
דער טריבונאל האט פערמשפט פאליעוו׳ן אויף 3 יאהר שווערע טורמע.

### א צוזאמענפאהר פון געוועזענע קייזער־קעניגליכע אפיצירען

האנאווער, 19. (ספ. טעל.)
דא איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון געוועזענע קייזערליכע אפיצירען.
אויפ׳ן צוזאמענפאהר איז אנוועזענד געווען דער גענעראל מאקענזען.
דער עקס־קייזער ווילהעלם גופא האט צוגע־שיקט א בעגריסונגס־דעפעשע.

### פערמשפט א ריכטער צום טויט

#### פאר שטיין אין קאנטאקט מיט קאנטער־רעוואלוציאנערען

מאסקווע, 19 (ספ. טעל.)
דאס געריכט האט פערמשפט צום טויט דעם ריכטער ראדקרעזינאוו פאר׳ן שטיין אין קאנטאקט מיט קאנטער־רעוואלוציאנערע עלעמענטען.

# אנ׳ארט פאר 200,000 עמיגראנטען

## פערו עפענט די טויערען פאר דעם יודישען וואנדערער

ווארשא, 19. (טעלעפאניש).
די רעגירונג פון פערו האט מודיע געווען די עמיגראציע־ארגאניזאציעס, אז איהרע טויערען זע־נען אפען פאר יודישע עמיגראנטען ובפרט פאר בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטער.
די האט ארט פאר אנ׳ערך צוויי הונדערט טוי־זענד עמיגראנטען.

### פונוואנען ס׳וועט קומען די ישועה...

ווארשא, 19 (טעל.)
די צענטראלע פון דילאקאטא רען־פעראיינען האט זיך געווענדעט צו אלע אפטיילונגען אין גאנץ פוילען, אז זיי זאלען זאמלען אונטערשריפטען אויף א פעטיציע וועגען פערקלענערען דאס דירה־געלד.
מ׳רעכענט אויפצוזאמלען א מיליאן אונטער־שריפטען, און די צענטראלע איז זיכער, אז ס׳וועט האבען א פעולה.

### א געהיימע זיצונג אין גענף

גענף, 19. (ספ. טעל.)
היינט איז דא פארגעקומען א געהיימע זי־צונג צווישען פארשטעהער פון ענגלאנד, פראנק־רייך און אמעריקא.
קיין קאמוניקאט איז נישט ארויסגעגעבען געווארען.

### א באהן־קאטאסטראפע נעבען קאוועל

קאוועל. 19 (טעלעפאניש)
א פאסאזשיר־צוג איז נעבען קאוועל ארא פון די רעלסען.
קיין מענשען־קרבנות זענען נישטא.

### ארונטערגעפאלען א דייטשער לופט־באלאן מיט 3 פאסאזשירן

גניעזנא, 19־ (טעלעפאניש).
נאך מיטאג איז ארונטערגעפאלען אויף די פעלדער לעם דארף מילאסלאוו א דייטשער לופט־באלאן מיט דריי פאסאזשירען.
פאליציי האט די פאסאזשירען פערהאלטען.

## די פיהרער פון די דעלעגאציעס אין לאזאן



פון לינקס: דייטשער אויסערן־מיניסטער פאן נוירא͏ט, מאסקאני (איטאליען), קאנצלער פאן פאפען, מאקדאנאלד (ענגלאנד) און העריא (פראנקרייך).

מז״ט ווינשען מיר אייך, ליבער ברודער, שוואגער און שוועגערין, צו דער חתונה פון אייער ליבען זוהן

יעקב וויינבערג מיט פרל. פעלא זונשיין

מיר ווינשען אויך, איהר זאלט דערלעבען פון זיי און פון אלע קינדער פיל נחת. — דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען.

בעריש גאלדבערג און פאמיליע,
חיים עדעלמאן און פאמיליע.　　3935

פאר גאלד, בּיזשוטעריע און לאמבארד־קוויטעם צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

